**גוט שבת אלע אידן.** מאטי שיינבוים (נישט זיין עכטע נאמען) איז אויפגעוואקסן אין דייטשלאנד פאר די מלחמה. מאטי איז א קלוגער איד. אלס קינד האט מען שוין דערקענט אויף אים אז ער האט א גוטען קאפ. בעפאר זיין בר מצוה האט מאטי געבעטן פון זיין טאטען אויב ער קען לערנען מיט א פריוואטען מלמד. מאטי'ס טאטע איז זייער צופרידן געווען צו הערן אז זיין זון וויל מוסיף זיין צו זיין לערנען. זיין טאטע האט גלייך געדינגען א מלמד פון דעם שטעטל. דער געטרייער מלמד האט געהייסן ר' לייבל. עס איז געווען זייער א גוטן "שידוך," מאטי האט געלערנט זייער פלייסיג מיט ר' לייבל. אין א קורצע צייט האבן זיי געענדיגט פערציג בלאט גמרא אין מסכת ברכות.

עס איז געקומען די צייט פאר מאטי זיך צוגרייטן פאר זיין בר מצוה. מאטי איז צופרידן געווארן צו הערן אז ר' לייבל האט מסכים געווען צו לערנען דעם בר מצוה פשטל מיט אים. באלד דערנאך האבן זיי טאקע אנגעהויבן צו לערנען דעם פשטל. דעמאלט זענען געווען שווערע יארן אין דייטשלאנד. די מצב האט אנגעהויבן צו ווערן ערגער און ערגער. די רשעים ימ"ש האבן שארף גערעדט קעגען די אידן און אידן זענען אטאקירט געווארן מער און מער. מאטי האט זיך געמאכט נישט וויסנדיג פון אלעס ווייל ער איז פארנומען געווען מיט זיין פשטל.

סוף כל סוף איז געקומען דעם טאג פונעם בר מצוה. מאטי האט זייער גוט געקענט דעם פשטל. באלד נאך דעם בר מצוה איז די מצב נאך שווערער געווארן. אידישע משפחות האבן פרובירט אלע מיני השתדלות כדי צו קענען אנטלויפן פון דייטשלאנד. ב"ה אז מאטי'ס משפחה האט מצליח געווען צו פארלאזן דייטשלאנד. באלד דערנאך זענען זיי אנגעקומען קיין אמעריקע. שפעטער, איז מאטי געגאנגען לערנען אין בית מדרש עליון אין מאנסי. ער איז זייער שטארק געשטיגן אין תורה אין ער איז געווארן א תלמיד חכם. ער האט ב"ה חתונה געהאט און ער איז זוכה געווען צו האבן א פיינע אידישע שטוב.

דורך אלע יארן, האט מאטי געטראכט וועגן זיין מלמד ר' לייבל. וואס איז געשען צו אים? ער האט געהערט אז ר' לייבל האט טאקע דורכגעלעבט די מלחמה און ער איז געגאנגען וואוינען אין פראנקרייך. מאטי איז דעמאלט געווען א בעל דרשן. ער פלעגט ארומפארן די וועלט רעדן אין אסאך לענדער. אמאל איז עס אויסגעקומען אז מאטי איז געפארן קיין פראנקרייך. ווען ער איז געקומען קיין שטראסבורג האט ער געפרעגט נאך ר' לייבל. מען האט אים געזאגט אז ר' לייבל האט געוואוינט אין מארסע, אן אנדערע שטאט אין פראנקרייך. מאטי האט זייער שטארק געוואלט טרעפן זיין באליבטן מלמד, אבער ער האט נישט געקענט דעמאלט פארן קיין מארסע צו זוכן ר' לייבל.

צען יאר נאכדעם האט ער זיך נאכאמאל געטראפן אין פראנקרייך. דעמאלט האט ער געקענט פארן קיין מארסע. ער האט זייער שטארק געהאפט אז ער וועט טרעפן ר' לייבל. ר' לייבל איז דאך געווען שוין דעמאלט א זקן מופלא – אן עלטערער איד. ווען ער איז אנגעקומען, ער איז געוואר געווארן אז ר' לייבל איז שוין ב"ה געגאנגען וואוינען אין ארץ ישראל. מאטי האט געוואלט שוין פארן קיין ארץ ישראל, אבער ער האט נישט געקענט. ער האט געדארפט אהיימפארן גלייך.

אין תשנ"ה האט מאטי אויפגעהערט צו ארבעטן, און ער מיט זיין בני בית זענען געגאנגען וואוינען אין ארץ ישראל. ער האט נאכאלץ געטראכט וועגן זיין מלמד ר' לייבל. איין טאג האט מאטי געטראפן א איד אויף די גאס אין ירושלים. מאטי האט געקענט דעם איד פונדערהיים אין דייטשלאנד פאר די מלחמה. מאטי און יענער איד האבן זיך גענומען שמועסן וועגן די אלטע צייטן, וכו'. מאטי האט געפרעגט יענעם אויב ער געדענקט דעם מלמד ר' לייבל. מאטי האט דערציילט ווי ער איז געפארן קיין פראנקרייך צוויי מאל וואו ער האט געזוכט זיין מלמד. מאטי האט געזאגט אז ער האט מורא אז ר' לייבל לעבט שוין נישט.

יענער איד האט אלעס צוגעהערט. פלוצלינג האט יענער געזאגט אז ער איז כמעט זיכער אז ר' לייבל לעבט נאך און ער וואוינט היינט אין טעלז-סטאן לעבן ירושלים. מיט אפאר טעלעפאן קאלס, איז מאטי סוף כל סוף אנגעקומען צו ר' לייבל, נאך מער ווי 50 יאר וואס ער האט נישט גערעדט מיט אים. דער טעלעפאן האט געקלינגען צוויי מאל און א שוואכע קול האט געענטפערט. מאטי האט מורא געהאט אז ר' לייבל וועט אים נישט געדענקען.

ר' לייבל האט געהערט מאטי'ס נאמען און ער האט געזאגט אז ער געדענקט אים נישט און ער געדענקט אויך נישט מאטי'ס טאטע דער שוחט פונעם שטעטל. מאטי'ס הארץ איז געפאלן. ער איז געווארן אנטוישט, אבער ער האט געטראכט, ווי אזוי קען ר' לייבל אים געדענקען נאך אזוי אסאך יארן און אויך ווייל ר' לייבל האט געלערנט מיט אסאך קינדער און בחורים. מאטי האט באדאנקט ר' לייבל און ער האט געהאלטן ביים אראפלייגן דעם טעלעפאן. ער האט צוריקגעהאלטן טרערן ווייל ער איז געווען זייער נתרגש.

אבער, בעפאר ער האט אראפגעלייגט דעם טעלעפאן האט מאטי געטראכט וועגן עפעס. ער האט צוגעמאכט זיין אויגן, און ער איז צוריקגעגאנגען איבער 50 יאר פריער. נאכדעם וואס ער האט געטראכט טיפערהייט פופצען סעקונדעס, האט ער אנגעהויבן צו זאגן זיין בר מצוה פשטל "עס שטייט אין די ברייתא אין מסכת כריתות..." ער האט געזאגט די גאנצע פשטל בעל פה אויפן טעלעפאן.

ביים אנהייב איז עס שטיל געווען אויפן אנדערע זייט פונעם טעלעפאן. דאן, פלוצלינג, האט דער עלטערער קול פון ר' לייבל געזאגט, "מאטי, דו ביסט דאס?"

מאטי האט ווייטער געזאגט דעם קושיא פון תוספות און דעם תירוץ אויך. בשעת ער האט געזאגט דעם פשטל האבן טרערן גערינען אראפ זיין באקן. "מאטי, מאטי... ווען קען איך דיך זען?" האט ר' לייבל געזאגט. עס איז געווען אזוי ווי ער האט גערעדט מיט א זון וואס ער האט נישט געזען אין פופציג יאר.

שפעטער אינעם טאג, איז מאטי טאקע אריבערגעפארן צו באזוכן זיין באליבטן מלמד. זיי האבן גערעדט א לאנגע צייט וועגן די זיכרונות און אין וואס עס האט פאסירט זייט דעמאלט וכו'. נישט קיין אנדערער אידן האבן איבערגעלעבט דער מלחמה פון יענעם שטעטל. נאר מאטי מיט זיין משפחה און ר' לייבל.

דאס אידישער פאלק איז א פאלק וואס האט דורכגעלעבט טויזנטע יארן פון שמד, הריגות, און רדיפות, ה' ירחם. די אלע מדינות וואס האבן גערודפט די אידן, למשל די מצרישע, די גריכישע, די רוימישע, די ספאנישע, די דייטשע און די קומאניסטישע, ימ"ש אלע, זענען שוין לאנג נישט דא אויפ'ן וועלט, ב"ה.

די ענין ווערט דערמאנט אין די מדרש אויף די וואכעדיגע פרשה. זאגט די הייליגע תורה, "והנה הסנה בער באש והסנה איננו אכל וגו'" – דער דארן ברענט אין פייער, און דער דארן ווערט נישט פארברענט. (שמות ג,ב) זאגט דער מדרש, אז דער סנה איז מרמז אויף כלל ישראל, ד"ה, דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזן פאר משה רבינו ע"ה, אז אפילו די מצריים וועלן רודף זיין די בני ישראל, וועלן זיי נישט קענען מכלה (מאבד) זיין די אידן אינגאנצען. (מדרש רבה שמות פרק ב, יד) פון דא זעט מען אז דעם אידישער פאלק וועט קיינמאל נישט צעשטערט ווערן!

ר' לייבל מיט מאטי האבן איבערגעלעבט די מלחמה אפילו מיליונען אנדערע האבן ליידער נישט, הי"ד. זיי זענען געבליבן ערליך און זיי האבן ב"ה זוכה געווען צו האבן ערליכע אייניקלאך און אוראייניקלעך. אפילו זיי האבן נישט געזען איינער דעם צווייטן איבער פופציג יאר, האט דער קשר פון דער הייליגער תורה געהאלטן זייערע נשמות צוגעבינדן איינע צום צווייטער. די רשעים האבן נישט מצליח געווען צו צעשטערן דעם אידישן פאלק. אלעס ווייזט אויף די בחינה פון "והנה הסנה בער באש והסנה איננו אכל וגו'." **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י
לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג (845) 362-3234
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**